Bureau of Public Work
State Office Building Campus
Building 12 – Room 130
Albany, New York 12226

WE ARE YOUR DOL

בלויז פאר אפיציעלע באנוץ
דאטום באקומען: ______________

PRC נומער וואס מען האט פריער ארויסגעגעבן: ______________

# באשטעטיגונג פאר געדעקטע פראיעקט

## פארלאנג פאר געהאלט און צוגאבעס אינפארמאציע

גיבט אריין דעם פארם צו סערטיפייען אויב א פראיעקט איז געדעקט דורך LL 224-a אדער צו פארלאנגען א פובליק סובסידיע באורד געדעקטע פראיעקט באשליסונג. קען געשיקט ווערן אויף די פאסט צו דער אויבנדערמאנטע אדרעס אדער גע'אימעיל'ט צו: labor.sm.5184851870Fax@labor.ny.gov .

**פילט אויס די אריינגעפילטע ערטער אדער מוז דער פארם ווערן גע'טייפט**

אריינגעגעבן דורך: ☐ אייגנטומער ☐ דעוועלאפער

**A. קאנטראקט וועט ווערן געפירט דורך**

1. נאמען: ______________
פולע אדרעס: ______________
טעלעפאן: ______________ פאקס: ______________
אימעיל: ______________

2. שיקט ענטפער צו: ______________
פולע אדרעס: ______________
טעלעפאן: ______________ פאקס: ______________
אימעיל: ______________

3. קאנטראקט דאטום: ______________
בוי ארבעט אנהויב דאטום: ______________
(מעג זיין בערך אויב נישט א ספעציפישן דאטום)
קאנטראקט נאמען אדער ID נומער: ______________

4. הויפט קאנטראקטאר(ס): ______________
רעכנט אויס באקאנטע סוב-קאנטראקטארס:

**B. פראיעקט, דעטאלן**

5. פראיעקט נאמען: ______________
שילדערונג פון ארבעט:

6. לאקאציע פון פראיעקט: ______________
אדרעס: ______________

7. נאטור פונעם פראיעקט (צייכנט אן אלע וואס זענען גילטיג):

☐ נייע קאנסטרוקציע
☐ צוגעלייגט צו א שטייענדע סטרוקטור
☐ דעמאלישען, אבעיטמענט
☐ איבערבויען, מעינטענענס, פאררעכטן, טוישונגען
☐ אנדערע: ______________
☐ שווער\הייוועי
☐ סוער\וואסער ליניע
☐ באנייטע ענערגיע
☐ טערמעל ענערגיע נעטווארק

8. רעכנט אויס אלע סובסידיעס און קוואל:

**סך הכל פראיעקט קאסטן: $ ______________** **סך הכל סומע סובסידיעס: $ ______________**

**סובסידיעס אייניג צו ______ פראצענט(%) פון סך הכל פראיעקט קאסטן**

9. נאמען און טיטל: ______________
אונטערשריפט: ______________

## פארלאנגען פון ארטיקל 8 אפטיילונג 224-a פון די ניו יארק סטעיט לעיבאר געזעץ

**יעדער אייגענטומער און דעוועלאפער וואס פאלט אונטער די פארלאנגען פון די אפטיילונג זאל נאכקומען די מיסיעס און צילן פון מינאריטעטן און פרויען-געפירטע פירמעס אין איינקלאנג מיט ארטיקל פופצן -A פון די עקזעקיוטיווע געזעץ און סערוויס-באגרעניצטע וועטעראן-געפירטע ביזנעסער אין איינקלאנג מיט ארטיקל זיבעצן-B פון די עקזעקיוטיווע געזעץ.**

10. איז דער אייגענטומער א מינאריטעט, פרוי, און\אדער סערוויס באגרעניצטע וועטעראן געאייגנטער ביזנעס? __________

11. איז דער דעוועלאפער (אויב נישט דער אייגענטומער) א מינאריטעט, פרוי, און\אדער סערוויס באגרעניצטע וועטעראן געאייגנטער ביזנעס? ______________

12. רעכנט אויס אלע קאנטראקטארס און סוב-קאנטראקטארס וועלכע <u>זענען</u> מינאריטעטן, פרויען, און\אדער סערוויס באגרעניצטע וועטעראן געאייגנטער ביזנעס:

---

## באשטעטיגונג \ פארלאנג פאר באשטימונג

ווי פון __________________ (דאטום) און פאר א געוויסע פראיעקט, אנגערופן ____________________ (פראיעקט טייטל), _____________________ (נאמען פון סערטיפייער) ,

____________________________ (טיטל פון סערטיפייער), באשטעטיג אונטער שטראף פון שווערן פאלש, אין איינקלאנג מיט די NYS לעיבאר געזעץ.224-a.8.a אז:

☐ עס איז נישט באקאנט אויב דער פראיעקט פאלט אונטער די פראוויזיעס פון די NYS לעיבאר געזעץ 224-a און א פארבינדענע באשטימונג פון די פובליק סובסידיע באורד איז דעריבער פארלאנגט.

☐ דער פראיעקט <u>איז</u> אונטער די פראוויזיעס פון NYS לעיבאר געזעץ 224-a

☐ דער פראיעקט <u>איז נישט</u> אונטער די פראוויזיעס פון NYS לעיבאר געזעץ 224-a
(אויב איז נישט אונטער, צייכנט אלע וואס זענען גילטיג)

- ☐ סך הכל בוי ארבעט פראיעקט קאסטן אונטער $5 מיליאן דאלאר.
- ☐ סך הכל צוזאמגענומענע פובליק פאנדינג איז ווייניגער ווי 30% פון די פולע בוי ארבעט פראיעקט קאסטן.
- ☐ דער פראיעקט איז פריי דורך איינע פון די פראוויזיעס פון סוב-דעוויזיע 4 פון NYS לעיבאר געזעץ 224-a.

  ביטע ספעציפיצירט: ______________________________________________

- ☐ די פובליק פאנדינג איז פריי דורך איינע פון די פראוויזיעס פון סוב-דעוויזיע 3 פון NYS לעיבאר געזעץ 224-a.

  ביטע ספעציפיצירט: ______________________________________________

אונטערשריפט: ______________________________ אדרעס פון סערטיפייער

דאטום:________________

די סערטיפיקאציע זאל ווערן אונטערגעשריבן דורך די מיטגלידער פון מענעדזשמענט וואס זענען פאראנטווארטליך און באוואוסט, דירעקט אדער דורך אנדערע אין די ארגעניזאציע וועגן די ענינים געדעקט דורך די טענה.

**פאדערונגען פון ארטיקל 8**
**(אפטיילונגען 220 ביז 224-C)**
**פון דער ניו יארק סטעיט לעיבער געזעץ**
**געדעקטע פראיעקטן אונטער די יעצטיגע געהאלט:**

א "געדעקטע פראיעקט" מיינט בוי ארבעט ארבעט געטון אונטער קאנטראקט וועלכע ווערט געצאלט אינגאנצן אדער טיילווייז דורך פובליק פאנדס וואס אלע פובליק פאנדס אינאיינעם, ווען צוזאמגערעכנט, איז א סך הכל פון אמווייניגסטנס דרייסיג פראצענט פון די גאנצע קאסטן פון די בוי ארבעט פראיעקט און די פראיעקט קאסטן זענען איבער פינף מיליאן דאלאר.

"פובליק פאנדס" זאל מיינען איינס פון די פאלגענדע: (א) די צאלונג פון געלט, דורך א פובליק ענטיטי, אדער דורך א דריטע-פארטיי'ס אקט אין נאמען אדער פאר די טובה פון א פובליק ענטיטי, דירעקט אדער אין נאמען פון די קאנטראקטאר, סוב-קאנטראקטאר, דעוועלאפער, אדער אייגענטומער וועלכע דארף נישט צוריקגעצאלט ווערן, (ב) די סעיווינגס עררייכט דורך אפצאלן, רענט, אינטערעסט ראטעס, אדער אנדערע הלוואה קאסטן, אדער אינשורענס קאסטן וואס זענען וויניגער ווי די מארקעט ראטע קאסטן; סעיווינגס פון פארמינערטע שטייערן אין רעזולטאט פון שטייער קרעדיטס, טעקס אבעיטמענטס, טעקס עקזעמשענס טעקס פאַרגרעסערטע פינאַנסירונג; סעיווינגס פון צאלונגען אנשטאט שטייערן; און סיי וועלכע אנדערע סעיווינגס פון פארמינערטע, גע'פטר'טע, אדער פארגעבנדע קאסטן וואס וואלטן סתם אזוי געווען אויף די העכערע מארקעט ראטע אבער צוליב די פארבינדונג מיט א פובליק ענטיטי, (ג) געלט געבארגט דורך די פובליק ענטיטי וואס דארף אפגעצאלט ווערן לויט די אומשטענדן, און (ד) קרעדיטס וועלכע ווערן צוגעלייגט דורך די פובליק ענטיטי אנטקעגן די צוריקצאלן פון די התחייבות'ער פון די פובליק ענטיטי.

"פובליק פאנדס" זאל נישט מיינען איינע פון די פאלגענדע: (א) בענעפיטן אונטער די אפטיילונג 421-a פון די ריעל פראפערטי שטייער געזעץ, "פובליק פאנדס" זאל נישט מיינען איינע פון די פאלגענדע: (א) בענעפיטן אונטער די אפטיילונג 421-a פון די ריעל פראפערטי שטייער געזעץ, (ב) פאנדן וועלכע זענען נישט געגעבן געווארן צו פראמאוטן, אונטערשטיצן, אדער פארזיכערן אז די בוי ארבעט ווערט ווירקליך געטון, (ג) פאנדס געניצט אונטערצושטיצן די דעוועלאפמענט פון פולקאמע אפלויף סיסטעם, אזעלכע געגעבענע ארבעט זאל ווערן פאררעכנט א פובליק ארבעט (ד) שטייער בענעפיטן געגעבן פאר אזעלכע פראיעקטן די לענג און ווערד וואס איז נישט מעגליך צו ווערן אויסגערעכנט אין די צייט וואס די ארבעט ווערט אויסגעפירט, (ה) שטייער בענעפיטן אין פארבינדונג מיט די איבערבויען פון בראונפיעלד אדער בראונפיעלד דעוועלאפמענט, (ו) פאנדס געגעבן אין איינקלאנג מיט דידי סוב-דעוויזיע 3 פון אפטיילונג 2853 פונעם עדיוקעישאן געזעץ, און (ז) סיי וועלכע אנדערע פובליק געלטער, סעיווינגס אדער הלוואות, וואס איז באשטימט אלס פריי דורך די פובליק סובסידיע באורד אוועקגעשטעלט אין איינקלאנג מיט אפטיילונג 224-c פון די ניו יארק סטעיט לעיבאר געזעץ. אזעלכע געדעקטע פראיעקטן זענען אונטער די יעצטיגע געהאלט פאדערונגען פון אפטיילונג 220 און 220-b פון די ניו יארק סטעיט לעיבאר געזעץ.

עקזעמפשענס וואס מאכט א געדעקטע פראיעקט פאלן אונטער די אנגייענדע געהאלט קען געפינען ווערן אין אפטיילונג 224-a.4 און רעכנט אריין אבער נישט געבינדן צו: בוי ארבעט געטון אונטער א קאנטראקט מיט געוויסע נאן-פראפיט קארפארעישענס, בוי ארבעט געטון אויף געוויסע אפארדעבל האוזינג פראיעקטן, בוי ארבעט געטון אויף געוויסע לעיבאר שלום אגרימענט, פראיעקט לעיבאר אגרימענט, אדער פרי-הייער געמיינזאמע אפמאך צווישן אן אייגענטומער און א קאנטראקטאר און א באנע פייד בילדינג און קאנסטראקשען טרעיד לעיבאר ארגעניזאציע וועלכע האט זיך אוועקגעשטעלט אלס דער געמיינזאמע אפמאך רעפרעזענטעטיוו פאר אלע פערזאנען וועלכע ווילן אויספירן ארבעט אויף אזא פראיעקט, און וועלכע שטעלט אוועק אז נאר קאנטראקטארס און סוב-קאנטראקטארס וואס האבן אוטערגעשריבן א בעפאר פארהאנדלונגס אפמאך מיט די לעיבאר ארגעניזאציע קענען אויספירן ארבעט אויף אזא פראיעקט.

דער אייגענטומער פון אזעלכע געדעקטע פראיעקטן זאל באשטעטיגן אונטער שטראף פון שווערן פאלש ביז פינף טאג פון די אנהויב פון די בוי ארבעט אויב דער באשטימטע פראיעקט איז אונטער די פראוויזיעס פון דער אפטיילונג נוצנדיג די סערטיפיקאציע פאר געדעקטע\פארלאנג פאר געהאלט און צוגאבן אינפארמאציע פארם

אייגענטומער אדער דעוועלאפער פון א פראפערטי וואס נעמט אונטער א פראיעקט אונטער א פריוואטע קאנטראקט, קענען זוכן הילף פון די פובליק סובסידיע באורד און די באורד קען קלארשטעלן א בינדינג באשלוס צו געוויסע זאכן אין פארבינדונג מיט אן אנגייענדע אדער שפעטערדיגע געדעקטע פראיעקט. פארלאנגען פאר א באורד באשטימונג מוז געמאכט ווערן דורכ'ן אריינגעבן דעם פארם (PW-39a) צו די ביורא פון פובליק ארבעט דורך די פאסט אדער צו די אימעיל אויסגערעכנט אויבן אויף בלאט 1. אלע קארעספאנדענץ צו די פובליק סובסידיע באורד קענען געשיקט ווערן צו:

New York State Department of Labor - Bureau of Public Work
Attn: Public Subsidy Board Secretary
State Office Building Campus
Building 12 - Room 130
Albany, NY 12226

אינפארמאציע וועגן די פובליק סובסידיע באורד, אירע געזעצן און פראצעדורן, זיצונגען אגענדעס, רעקארדירונגען פון פאריגע זיצונגען, און א ליסטע פון באשטימונגען ארויסגעגעבן דורך די באורד קענען געפינען ווערן ביי: https://dol.ny.gov/public- subsidy-board

אנגייענדע ראטע סקעדזשול:
די לעיבאר געזעץ פאדערט אויף פון פובליק ארבעט קאנטראקטארס און סוב-קאנטראקטארס צו צאלן לעיבערער, ארבעטער, אדער מעכאניקער איינגעשטעלט אין די פובליק ארבעט קאנטראקט נישט ווייניגער פון די אנגייענדע געהאלט ראטע און געבן צוגאבן (פרינדזש בענעפיטן) לויט די אנגייענדע פראקטיצירונגען אין די אומגעגנט ווי די ארבעט ווערט אויסגעפירט.

די אנגייענדע ראטע סקעדזשול פון געהאלטן ראטע און צוגאבן אויסרעכענדיג די שעה'דיגע ראטעס פאר די טרעידס און אקיופעישען פון די ארבעטער אייגעשטעלט אויף דעם פראיעקט קענען ערהאלטן ווערן דורך די בירא פון פובליק ארבעט און די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו לעיבאר דורכן פארענדיגן און שיקן די סערטיפיקאציע פאר געדעקטע פראיעקט\פארלאנג פאר געהאלט און צוגאבן אינפארמאציע פארם. א לייגבארע סטעיטמענט פון אלע געהאלט ראטעס און צוגאבן מוזן אוועקגעשטעלט ווערן דורך קאנטראקטארס און סוב-קאנטראקטארס אין א פראמינענטע און א מעגליכע צוטריט ארט אויף די ארט ווי די ארבעט ווערט אויסגעפירט. די אוועקשטעלונג מוז זיין אויף אן ארט וואס קען בייסטייין שווערע וועטער און מוז ווערט באטיטלט "אנגייענדע ראטע פון געהאלטן", און ווערטער וואס זענען נישט קלענער פון 2 אינטשעס אין די הויכקייט און 2 אינטשעס אין די ברייט.

אלע קאנטראקטאר און סוב-קאנטראקטאר זאלן מעלדן אלע לעיבארערס, ארבעטער און מעכאניקער אין זייער ארבעט דורכן שרייבן אויף אלע פעי-סטאבס פון די אנגייענדע געהאלטן פאר זייער ארבעט קלאסיפיקאציע(ס).

אלע קאנטראקטארס און סוב-קאנטראקטארס זאלן דערנאך האלטן אריגינעלע פעיראל אדער טראנסקריפן, סוסקרייב און געשוואוירן צו אדער באשטעטיגט דורך אים אדער איר אלס ריכטיג אונטער שטראף פון פאלשע שבועה, אנגעבנדיג די נעמען און אדרעסן און ווייזדיג פאר א יעדן ארבעטער, לעיבארער, און מעכאניקער די שעה'ן געארבעט, די אקיופעישען געארבעט, די שעה געהאלט ראטעס געצאלט און די צוגאבן געצאלט אדער צוגעשטעלט.

צוריקהאלט פון צאלונגען פון קאנטראקטארס:
אויב די ביורא פון פובליק ארבעט דערוויסט זיך אז א קאנטראקטאר אדער סוב-קאנטראקטאר אויף א פובליק ארבעט פראיעקט האט פארפעלט צוצושטעלן די פארלאנגטע אנגייענדע געהאלטן אדער צוגאבן, איז דער ביורא אויטאריזירט דורך די אפטיילונגען 220-b פון די לעיבאר געזעץ צו אינפארמירן די פינאנציעלע אפיציר פון די דעפארטמענט אוו יוריסדיקציע וואס האט געגעבן דעם קאנטראקט. דער אפיציר מוז דאן צוריקהאלטן אדער גורם זיין צוריקצוהאלטן סיי וועלכע צאלונגען צום הויפט קאנטראקטאר אויפן אקאונט פון אזא קאנטראקט אינעם סכום אנגעגעבן דורך די ביורא אוו פובליק ארבעט צו באצאלן די אומבאצאלטע געהאלטן און צוגאבן, אריינגערעכנט אינטערעסט און סיי וועלכע ציווילע שטראפן וואס קען מעגליך געגעבן ווערן דורך די קאמישענער אוו לעיבאר.

דעפארטמענט אוו יוריסדיקציע זאל אויספאלגן מיט א פארלאנג פון קאמישענער אוו לעיבאר אדער פון געריכט צו די ארויסגעבונג פון די פונדן צוריקגעהאלטן.

סטאפ ווארק ארדערס:
אויב דער ביורא פון פובליק ארבעט געפינט א סיבה צו גלויבן אז סיי ווער, אין פארבינדונג מיט די געדעקטע פראיעקט, האט פארפעלט אויסצופאלגן אדער ווילנדיג אינוואדירט די פראוויזיעס פון דער ארטיקל, קען דער פיסקעל אפיציר מעלדן דער פערזאן געשריבענערהייט פון זיין ווילן ארויסצוגעבן א סטאפ ווארק ארדער און זייער רעכט פאר א הירינג. אויב א סטאפ ווארק ארדער ווערט ארויסגעגעבן נאכפאלגנדיג א הירינג זאל עס בלייבן אין קראפט ביז דער קאמישענער אוו לעיבאר באפעלט אז עס זאל אראפגענומען ווערן, נאך אן ענדגילטיגע באשלוס אויף די קלאגע אדער אויב די קלאגע פון פארפעלן אויסצופאלגן אדער אויסמיידן איז פארראכטן געווארן.

טויש ארבעט ארדערס און קאסטן איבערלויפן:
פאר פראיעקטן וואס ביז פינף טאג פון די אנהויב פון די בוי ארבעט איז די סך הכל פון די בוי ארבעט קאסטן געשאצט געווארן אונטער פינף מיליאן דאלאר אדער די סך הכל פון די צוזאמגערעכנטע פובליק פאנדן געווען אונטער 30% פון די סך הכל פראיעקט קאסטן וואס איז איבער פינף מיליאן דאלאר, סיי וועלכע ארבעטס טויש ארדערס, קאסטן איבערלויפן אדער א פארמערונג פון פובליק פאנדן וואס ווערט אין רעזולטאט די סך הכל פון די בוי ארבעט איבער פינף מיליאן דאלאר אדער אז די פובליק פאנדן ווערט מער ווי 30% פון די סך הכל פון די בוי ארבעט קאסטן ווי סך הכל פון די בוי ארבעט קאסטן איז איבער פינף מיליאן דאלאר, וועלן די דעוויזיעס פון אפטיילונג 224-a ווערן בארעכטיגט און די פראיעקט וועט דערנאך פאררעכנט ווערן אלס א געדעקטע פראיעקט.

די סערטיפיקאציע פאר געדעקטע פראיעקט\פארלאנג פאר געהאלט און צוגאבן אינפארמאציע פארם מוז איינגעגעבן ווערן ביז פינף ביזנעס טעג.